# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:53
מוצאי שב"ק......................9:21

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................יהושע י"א-י"ב
בבלי.......................בכורות ל"א
ירושלמי...............מעשרות י"ד
תוספתא.............פסחים פרק ז'
רמב"ם............טומאת מת י"ט


פרשת אמור, י"ג אייר, אבות פרק ג', שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 36 (396)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם.** זָאגְט רַשִׁ"י: **אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.**

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אַזוֹי וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ מוּזְן בַּאנַייעֶן, עֶר וֶועט מוּזְן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶונְט, אוּן עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חִיוּת אִין עֲבוֹדַת ה'. דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פִילְן, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוּיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר וֶועט נִישְׁט פִילְן קַיין שׁוּם חִיוּת. אָבֶּער עֶר וֶועט זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט, **אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.** מֶען דַארְף וָוארֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע אוֹיף דִי קְלֵיינֶע. דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ עֶר הָאט חִיוּת; זָאל עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, צוּ דִי צַייטְן וָואס עֶר וֶועט זַיין פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(זאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר א')

***

**אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל אֱלֹקָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ.** לְכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער פַארְוָואס דֶער פָּסוּק כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן **"אֱלֹקָיו" - "זַיין" בַּאשֶׁעפֶער**, אוּן נִישְׁט דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע **לָשׁוֹן "אֱלֹקִים" - דֶער בַּאשֶׁעפֶער.**

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אַרָאפּ אַ פָּשׁוּט'עֶ לִיכְטִיגְקֵייט, וָואס קֶען וֶוערְן אוּיסְגֶעטַייטְשְׁט צוּ גוּטְס, אָדֶער צוּ שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֵיינְט שְׁטֶענְדִיג זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן. אוֹיב אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט לִיב, אוּן עֶר ווִיל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נוֹקֵם זַיין אִין אִים, דַאן הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְט לֶעבְּן. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. **אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל "אֱלֹקָיו" וְנָשָׂא חֶטְאוֹ**, אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעלְט נָאר "זַיין" בַּאשֶׁעפֶער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר שֶׁעלְט נָאר וַוייל עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַ בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט וִוי זַיין מֹחַ הָאט אוּיסְגֶעטְרַאכְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס ווִיל אוּנְז נָאר הֶעלְפְן שְׁטֶענְדִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק, אֱמוֹר תש"ם)

## מוֹהַרָאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אִיךְ ווִיל אוֹיךְ

פוּן דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי קֶען יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת אִין יֶעדְן מַצָּב. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט "לָמָּה נִגָּרַע?" - פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֵוייגִיגֶער? מִיר ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

דָאס אִיז אַ מוּסָר הַשְּׂכֵל פַאר יֶעדְן אִיד,

<<<<<<

## א גוט ווארט

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס גֶעבְּט נָאךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה.) אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט אַ גַאנְץ ווִינְטֶער, הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ יוֹם תְּפִילָה אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג תְּפִילוֹת אַז עֶס זָאל רֶעגֶענֶען אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען רֶעגְן.

אִיז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גֶעזָאגְט: "אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ, אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה, אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ רַחֵם עָלֵינוּ", אוּן עֶס הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן.

הָאט דֶער עוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן אַז רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר וַוייל זַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אוּן גֶעזָאגְט: "נִישְׁט וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זֶענֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, נָאר וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַ וַתְּרָן - עֶר גֶעבְּט נָאךְ, אוּן וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִילוֹת". זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' אֱמוֹר תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ שֶׁעצְט נִישְׁט מַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אַרְבֶּעט צְוֶועלְף שָׁעָה אַ טָאג, זֶעכְצִיג שָׁעָה אַ וָואךְ, צוּ קֶענֶען אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיסֶער דֶעם פְּרוּבִּיר אִיךְ אוֹיךְ צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט אַלֶעס אַרוּם, מֶער פוּן וִויפִיל אִיךְ קֶען.

לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶּער וִוי אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק בְּלוֹיז אַ שְׁטוּיס פוּן מַיין וַוייבּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ, יַעֲקֹב

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ח' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד יַעֲקֹב נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (יְבָמוֹת סג.) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", 'זָכָה' אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה - 'עוֹזַרְתּוֹ', קְרִיגְט עֶר אַ הֶעלְפֶער, 'לֹא זָכָה' אִיז עֶר נִישְׁט זוֹכֶה - 'כְּנֶגְדּוֹ', קְרִיגְט עֶר אַ פְּרוּי וָואס גֵייט פַארְקֶערְט פוּן אִים; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ דֶער מַאן טוּט תְּשׁוּבָה אִיז עֶר זוֹכֶה אַז דִי וַוייבּ הֶעלְפְט אִים, זִי וֶוערְט אִים אַן 'עוֹזֶרֶת', אָבֶּער אַז מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶעמָאלְט אִיז זִי אַנְטְקֶעגְן אִים [וִוי דוּ רוּפְסְט דָאס - כַּאפְּט מֶען פוּנֶעם וַוייבּ אַ שְׁטוּיס], וַוייל זִי אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִיר, אַ בֵּיין פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט 'בְּמַחֲשָׁבָה' וֶועט עֶר לַיידְן יִסוּרִים פוּן זַיינֶע קִינְדֶער; אוֹיבּ זִינְדִיגְט עֶר 'בְּדִיבּוּר', עֶר רֶעדְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט דֶעמָאלְט וֶועט עֶר לַיידְן פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט 'בְּמַעֲשֶׂה', דֶעמָאלְט לַיידְט מֶען פוּן מֶענְטְשְׁן. דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר לַיידְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, פוּן זַיין וַוייבּ אוּן פוּן מֶענְטְשְׁן, דַארְף עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט בְּמַחֲשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת אוּן עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט לַיידְן קַיין יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס. אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער וַוייל דַיין וַוייבּ אַנֶערְקֶענְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער הֶעלְפְן. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", לוֹיט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַזוֹיפִיל שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען; זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶנְטְפֶערְן אוּן פוּן זִיךְ קְרִיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר, דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

הָאבּ סַבְלָנוּת אוּן פִיר זִיךְ וַוייטֶער צוּ אִיר מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אֲפִילוּ זִי אִיז דִיר מְצַעֵר. קוּק וִוי אַזוֹי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רֶבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבֵיתְהוּ", רַב חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלָהּ", פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר. וֶוען רַב הָאט גֶעזֶען וִוי זַיין רֶבִּי טְרָאגְט אַהֵיים שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר זַיין וַוייבּ הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אִיר גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ מְצַעֵר דֶעם רֶבִּי'ן?!" הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן אוּן עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר נָאר שָׁלוֹם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' אֱמוֹר תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858



>>>>>>

אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן דוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַּאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָּנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַ"ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַאר'ן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶּער מַמָשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר וִויל וִויסְן אוֹיבּ דֶער שׁוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארֶערְכְטְן. הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארֶערְכְטְן".

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ"ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, "דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסָר הַשְׂכֵּל, וִוי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶערְכְטְן", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶערְכְטְן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') "קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן", "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶערְכְטְן" (שָׁם, קי"ב), וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶערְכְטְן.

אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקְן אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעען אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארֶערְכְטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

## אַ הִימְל מֶענְטְשׁ

פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אוּן רוּחְנִיוּת אִינְאֵיינֶעם. עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק, אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם. אָבֶּער דֶער אֱמֶת זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל "שָׁמַיִם"? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֵשׁ אוּן מַיִם, פוּן פֵייעֶר אוּן פוּן וַואסֶער, פוּן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת אַבִּיסְל גְמָרָא אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע הִימְל מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ד עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

> **אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ" לֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אָבֶּער אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: טְרָאץ דִי שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן מְנִיעוֹת, הַאלְט זִיךְ דֶער צַדִיק ר' יוּדְל זַ"ל שְׁטַארְק בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

**קמד**

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט אִין אָנְהוֹיבּ מִיט ר' יוּדְל בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל מְפַלְפֵּל גֶעוֶוען מִיט עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער אַ פְּשַׁט אִין אַ גְמָרָא, אוּן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז ר' יוּדְל וֶועט פַּסְקְ'עֶנֶען וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער פְּשַׁט, אוּן ר' יוּדְל הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער פְּשַׁט אִיז וִוי דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט, אוּן נִישְׁט וִוי דֶער רֶבִּי.

הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט, "אוֹיבּ וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיפְוַוייזְן אַז אִיךְ בִּין יָא גֶערֶעכְט, וֶועט מֶען דִיר קֶענֶען גֶעבְּן שְׁמִיץ [קְלֶעפּ]?", הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים טַאקֶע אוֹיפְגֶעוִויזְן אַז עֶר אִיז יָא גֶעוֶוען גֶערֶעכְט מִיט זַיין פְּשַׁט.

וֶוען ר' יוּדְל הָאט גֶעכַאפְּט דִי קְלֶעפּ, הָאט עֶר גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶס קוּמְט אִים דִי קְלֶעפּ. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטְרָאפְן זַיין טָאכְטֶער אַז זִי אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, אִיז עֶר גְלַייךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַזַא מַעֲשֶׂה, "סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ מִיל אִין דַאנְצִיג, וָואס הָאט גֶעמָאלְן אוֹיף פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שְׁטֵיינֶער, אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ נִישְׁט גוּטֶער גֵייסְט וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט מָאלְן. הָאט אַ כִּישׁוּף מַאכֶער גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז מְ'זָאל אִים אִיבֶּערְלָאזְן אֵיינְס פוּן דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שְׁטֵיינֶער, דָארְט זָאל מֶען מָאלְן זַאמְד, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר
<<<<<<

>>>>>>
עס גלויבט זיך נישט, אבער ס'איז דאך א פאקט, אז פילע בחורים אין ישיבה זענען זוכה צו ענדיגן ש"ס. ס'זעט אויס ווי א געלעכטער, וואס איז שוין ווערד ווען מ'זאגט דורך ש"ס? דער אמת איז אבער אז 'לאכן לאכט דער וואס לאכט דער לעצטער', ווען עס וועט קומען דעם לעצטן טאג וועט מען זען אויבן אין הימל די חשיבות פון א איד וואס האט זוכה געווען צו זאגן אסאך די הייליגע תורה, אין פארגלייך צו א צווייטן וואס האט פארברענגט זיינע יארן מיט נארישקייטן, מיט'ן פרובירן אויפצואווייזן אז זאגן הייסט נישט געלערנט...

ביים סיום איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א לענגערע שמועס איבער די גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, וואס דאס מיינט פאר איד, די פילע גוטע זאכן וואס דאס ברענגט אויפ'ן איד ברוחניות ובגשמיות.

מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, און נאכ'ן סיום איז דער עולם זיך צעגאנגען מיט א געוואלדיגע התעוררות און התחזקות, זיך צו שטארקן ווייטער אין לערנען די הייליגע תורה מיט גרויס פלייס.

**ותשחק ליום אחרון!**

***

## סוקסעספולע פארטי לטובת די מוסדות

דעם פארגאנגענעם זונטאג במשך א גאנצן טאג, האבן הונדערטער פרויען געשטראמט צום לעכטיגן ווינקל אין וויליאמסבורג, צום עטרת אפפעל זאל, וואו עס געפינט זיך די הייליגע ישיבה און תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, און וואו עס קומען פאר כסדר די וועלט בארימטע חתונות בחנם.

פרויען פון אלע קרייזן און עידזשעס זענען געקומען שטיצן די הייליגע מוסדות וואס געבט חיות און לעבן פאר זיי דורך די שיעורים, ספרים, קונטרסים, האט ליינס, און אזוי ווייטער. די פארטי איז ב"ה געווען א געוואלדיגע סוקסעס, און עס איז אריינגעקומען גאר אסאך פינאנציעלע און מאראלישע שטיצע פאר די הייליגע מוסדות.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען ווייטער אנגיין מיט מער מוט און פלייס צו פארשפרייטן די הייליגע עצות פון הייליגן רבין און מחזק זיין אידן צו לעבן מיט'ן

די אלע פרויען וואס זענען נישט אנגעקומען אנטייל צו נעמען ביי די פארטי, קענען אריינרופן אין אפיס איבערצוגעבן זייער ברייטהארציגע נדבה, אויף 718-384-1652 עקס. 101. אדער קען מען מנדב זיין מיט א קרעדיט קארד אויפ'ן אויטאמאטישן סיסטעם, דורכ'ן רופן די פרויען האטליין 212-444-9169 און דערנאך דרוקן 9 און 1.

**בזכות נשים צדקניות**

# לַ"ג בָּעוֹמֶר

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְחַק". צַדִיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶּער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פוֹעלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶּכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיוּן.

אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פוֹעלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

### אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ וִוינְקְל

דִי וָואס פָארְן יָא קַיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן וִויסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגְנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָּׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרֵיינְצוּשְׁטוּפְּן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ וִוינְקְל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נִשְׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִי"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפַרְדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם. אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: "אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן". זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיוּן, אוּן פוֹעלְ'ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

### שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סַיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סַיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָּאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט'ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶּער אַזוֹי וִוי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן מִיט וַויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט. וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ ווִאוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. זֶעט מֶען וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

>>>>>>

אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע שְׁטֵיינֶער". דֶער רֶבִּי הָאט אִים מִיט דֶעם מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז אֵיינֶע פוּן דִי פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג רָאשֵׁי אֵיבָרִים פוּנֶעם טָאכְטֶער וֶועט שְׁטַארְבְּן, אָבֶּער זִי וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "וֶוען דוּ וָואלְסְט נִישְׁט מְהַרְהֶר גֶעוֶוען אוֹיף מִיר בַּיים בַּאקוּמֶען דִי קְלֶעפּ, וָואלְט זִי אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אָבֶּער יָא גֶעהַאט תַּרְעוֹמֶת אוֹיף מִיר, דֶערִיבֶּער וֶועט זַיין אַזוֹי, אַז נָאר אֵיין אֵבֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן אוּן זִי וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן".

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, אִיר קְלֵיין פִּינְגֶער פוּן הַאנְט אִיז אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשְׁטָארְבְּן, אָבֶּער זִי אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

קמה

דָאס אִיז אָבֶּער נָאר גֶעוֶוען אִין אָנְהוֹיבּ פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ מְנִיעוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּ זַיין צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גָאר שְׁטַארְק גֶעשְׁטִיגְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אָפֶּענֶער בַּעַל מוֹפֵת, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַסַאךְ אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַרְאוֹת אוּן חֶזְיוֹנוֹת.

קמו

דָארְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. [פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים דָארְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר "מְסִלַּת יְשָׁרִים"].

קמז

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אַלְס אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מוֹפֵת אוּן אַ מַמְתִּיק דִינִים. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דִי צַדִיקִים מַאכְן אַ פִּדְיוֹן, וַוייל מְ'דַארְף דָאךְ קֶענֶען אַלֶע פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים, אוּן וֶוען מְ'בְּרֶענְגְט זֵיי אַ פִּדְיוֹן, דַארְפְן זֵיי וִויסְן אִין וֶועלְכְן בֵּית דִין מְ'אִיז יֶענֶעם דַן. סְ'קֶען דָאךְ זַיין אַז מְ'מַאכְט אַ פִּדְיוֹן אוּן מְ'אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים בַּיי אֵיין בֵּית דִין, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז מֶען יֶענֶעם גָאר דַן אִין אַן אַנְדֶערְן בֵּית דִין. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען וִויסְן קוֹדֶם אִין וֶועלְכְן בֵּית דִין מְ'אִיז יֶענֶעם דַן, אוּן דֶערְנָאךְ מַאכְן דֶעם פִּדְיוֹן אוּן הַמְתָּקָה דָארְט בַּיי יֶענֶעם בֵּית דִין".

"אָבֶּער אִיךְ" – הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט – "אִיךְ קֶען אַלֶע פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים, אוּן אִיךְ קֶען אוֹיךְ מַאכְן אַן אַפִּיל פוּן אֵיין בֵּית דִין צוּם צְוֵוייטְן בִּיז צוּ אַלֶע פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג. דָאס הֵייסְט אַז אִיךְ קֶען זָאגְן אַז סְ'גֶעפֶעלְט מִיר נִישְׁט דֶער פְּסַק פוּן דֶעם בֵּית דִין אוּן אִיךְ וִויל מְ'זָאל עֶס מִשְׁפָּט'ן אִין אַ צְוֵוייטְן בֵּית דִין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער צוּ אַלֶע פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים. אוּן אַזוֹי וֶוערְט כָאטְשׁ דֶערְוַוייל אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דֶער מִשְׁפָּט, אוּן אִינְצְוִוישְׁן טוּט דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן דָאס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס בַּיים מִשְׁפָּט".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## פרישע חתונה אין היכל הישיבה קומענדיגע וואך

דעם קומענדיגן דאנערשטאג פ׳ בהר וועט אי"ה פארקומען די חתונה פון הבה"ח ישראל סאמעט הי"ו, עב"ג בת הרה"ח מוה"ר דניאל בוים שליט"א מחשובי אנ"ש. די חתונה וועט פארקומען אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג.

ווי ביי די פריערדיגע חתונות, וועט דאס מאל אויך אלעס ווערן צוגעשטעלט גענצליך אומזיסט פאר ביידע זייטן, אלע משפחות פון די קהלה לייגן צו א האנט צוצושטעלן אלע געברויכן פון די חתונה, און גלייכצייטיג איז ערווארטעט אז דאס וואס זיין גאר א פרייליכע חתונה, ווי ביי די פריערדיגע חתונות אין ישיבה.

מיט יעדע פרישע חתונה וואס קומט פאר אין שול, ווערן די חתונות נאך מער שטילער און באשיידענער. ביי יעדע פרישע חתונה קומען אויף פרישע געדאנקען ווי אזוי צו מאכן די חתונה נאך מער היימיש און אידיש, ווי אזוי אויסצוגעבן נאך ווייניגער געלט פאר אומנויטיגע צוועקן, און די חתונות ווערן מער פרייליך און מער פשוט און איינפאך.

צו די זעלבע צייט, מאכן אבער די חתונות גאר הויכע קולות. פאר די פילע מחותנים וואס ברעכן אונטער די לאסט פון די אומגעהויערע גרויסע הוצאות החתונה, וואס איז פאר כמעט יעדן אוממעגליך צו באצאלן אן חובות; פאר די מחותנים הערט זיך די נייעס איבער די אומזיסטע חתונות אין זייערע אויערן ווי קולות וברקים אויף די העכסטע טענער. די אומזיסטע חתונות מאנען און פאדערן, זיי ווייזן קלאר שווארץ אויף ווייס אז ס׳איז מעגליך חתונה צו מאכן די קינדער מיט אן אמת׳ע רואיגקייט און שלוות הנפש, נישט ווי ס׳איז שוין איינגעגעסן געווארן ביי מענטשן אז א חתונה מוז קראנק מאכן די עלטערן פון ביידע זייטן רחמנא ליצלן.

ווען עס ענדיגט זיך די פאר שעה פון די חתונה, וואס האט מען דעמאלט פון די אלע געלטער וואס מ׳האט געווארפן אין מיסט? די איינציגסטע זאך וואס בלייבט, איז דאך נאר די נחת וואס מ׳וועט האבן שפעטער פון דעם פרישן פאר-פאלק, און אויך - אויב האט מען נישט דעם ריכטיגן שכל - די פילע חובות מיט וואס מ׳וועט זיך מוטשען צו באצאלן פאר די קומענדיגע יארן.

דעריבער איז ווערד צו באגריסן די קלוגע מחותנים, די קלוגע חתן כלה, וואס טוען די ריכטיגע שריט, זיי געבן נישט אויס קיין איבריגע געלטער פאר די נאכט פון חתונה, זיי טראכטן נאר פון תכלית, וואס וועט זיין נאך די חתונה, דער עיקר ציל איז אויפצושטעלן א אידישע שטוב, א בית נאמן בישראל.

דער אייבערשטער זאל זיי טאקע העלפן אז ס׳איז זאל א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים געזונטערהייט.

**כי טובה חכמה מפנינים!**

***

## מ׳ענדיגט און מ׳הויבט ווידער אן נ"ך

דעם פארגאנגענעם זונטאג האבן אנשי שלומינו זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ נביאים וכתובים, און מאנטאג האט מען אנגעהויבן פון פריש צו לערנען דעם טעגליכן שיעור פון צוויי פרקים נ"ך, אנהויבנדיג פון ספר יהושע.

ווי באקאנט האט מוהרא"ש זי"ע איינגעפירט אז אלע אנשי שלומינו זאל יעדן טאג לערנען א דף גמרא בבלי, א דף ירושלמי, און א פרק אין תוספתא, וואס מיט דעם בויט מען זיך אויף א בי"ת נצחי אויף יענע וועלט. מיט עטליכע יאר צוריק האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט אז מ׳זאל אויך לערנען יעדן טאג צוויי פרקים אין נ"ך. איין מחזור אין נ"ך האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט יעדן טאג, און די אלע וועלכע הויבן יעצט אן נאכאמאל נ"ך, וועלן זיך מחיה זיין מיט די הערליכע שיעורים, ביים סוף פון יעדן קאפיטל ווערט אויך אויסגעשמועסט די מוסר און התחזקות וואס מ׳קען ארויסנעמען פון דעם קאפיטל. מ׳קען הערן די אלע הערליכע שיעורים אויפ׳ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין [זע די נומערן ביים סוף פונעם גליון] און דרוקן 2 און דערנאך 8.

אינעם "מכתב יומי" די וואך דינסטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן: "בארעכן זיך און מאך זיך א חשבון אז דו זאלסט אויך זוכה זיין צו לערנען און מסיים זיין כאטש איין מאל אין דיין לעבן גאנץ נביאים וכתובים. דער הייליגער רבי האט געזאגט: "נ"ך איז מיין מוסר ספר"; ווען מען לערנט נ"ך זעט מען אן אינטערעסאנטע זאך, יעדעס מאל ווען עס איז געווען שלעכטע צייטן פאר די אידן, א רשע איז געקומען און געוואלט שלעכטס טון, האבן זיי געשריגן צום אייבערשטער און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן. נאכדעם האבן זיי ווייטער פארגעסן פונעם אייבערשטער האט זיי דער אייבערשטער נאכאמאל געשיקט א רשע זאל קומען מלחמה האלטן מיט זיי און ווען זיי האבן ווייטער געזען אז זיי קענען זיך נישט קיין עצה געבן האבן זיי נאכאמאל תשובה געטון; פון דעם קען זיך יעדער מענטש לערנען וואס ער האט צו טון ווען ער האט חס ושלום א צרה".

**ובהם נהגה יומם ולילה!**

***

## הערליכע סיום הש"ס אין ישיבה

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען א הערליכע סעודה לכבודה של תורה, ווען הבחור החשוב לייבי ראטה ני"ו האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

<<<<<<


## ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

27 Skillman St.

**עיר וקדיש מן שמיא נחית**

הננו מודיעים לכל אנשי שלומינו שיתקיים אי"ה

**סעודת הילולת התנא האלקי**

**רבי שמעון בר יוחאי**

**מיטוואך נאכט בבית מדרשינו**

הגבאים

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**